# שומרי הלשון

## מיר היטן אונזער דיבור



**טעגליכער לערנען פראגראם**

והלכת בדרכיו

## הלכה 1

**"לא תלך רכיל בעמיך"** (ויקרא יט:טז)

דו זאלסט נישט ארומגיין ווי א פעדלער פון איין מענטש צום צווייטן "פארקויפן" לשון הרע.

### לאמיר פארשטיין די הלכה

מען טאר נישט פארציילן קיין שום שלעכטס וועגן אן אנדערע מענטש. דער חפץ חיים ערקלערט צוויי וועגן ווי אזוי מען קען רעדן שלעכטס. איינס ווערט אנגערופן לשון הרע און דער צווייטער ווערט אנגערופן רכילות.

לשון הרע מיינט אז איינער דערציילט א שלעכטע זאך וועגן א צווייטן.

רכילות מיינט אז איינער דערציילט עפעס, וואס וועט מאכן אז דער וואס הערט עס זאל ווערן אויפגערעגט אויף אן צווייטן.

צום ביישפיל: אויב מען דערציילט פאר איינעם אז א צווייטער האט פרובירט אים ווי צו טועןן, אדער גערעדט לשון הרע אויף אים, איז עס רכילות. די פאלגנדע מעשה איז א ביישפיל פון רכילות.

# פעדלען שלעכטע רייד

ל וי האט פארמאכט זיין ספר און געקוקט צו זיין חבר. "לאמיר זיך יעצט אפרוען אביסל, גוט?"

"אקעי," האט דוד צוגעשטימט. צוזאמען זענען זיי אראפגעגאנגען אין קאך, נעמען עפעס צו עסן.

"חיים האט דיך גערופן ווען דו האסט געהאלטן אינמיטן חזר'ן אויבן," האט לוי'ס מאמע אים געמאלדן.

לוי האט געקרימט מיט'ן נאז. "אוי, איז ער א נודניק!" האט ער זיך באקלאגט צו דוד. "ווייסט ער נישט אז איך בין היינט פארנומען? ער קען אסאך מאל גוט פארדרייען א קאפ."

די נעקסטע טאג ביי הפסקה האט דוד זיך געטראפן מיט חיים. "איך וויל דיר עפעס זאגן," האט ער אים שטילערהייט געזאגט.

חיים איז געווארן נייגעריג.

"חיים," האט דוד ווייטער געזאגט. "זאלסט נישט מיינען אז לוי איז עכט דיין חבר. נעכטן ווען דו האסט אים גערופן, האט ער געזאגט אז דו ביסט א נודניק און דו קענסט אסאך מאל פארדרייען א קאפ."

חיים איז אויפגעשפרונגען. "ווא-א-א-אס? אזוי האט לוי געזאגט?" ער האט זיך אויסגעדרייט און צוריק אריינגעלאפן אין הויף.

נאך הפסקה, זענען לוי און חיים אריינגעקומען אין קלאס. עס איז געווען קלאר אז ביידע זענען

## הלכה 1 (המשך)

געווען ברוגז. דוד האט זיך געפילט אביסל שולדיג זענענדיג די אויפרעגונג אויף זייערע פנים׳ער.

ער האט זיך אבער פרובירט צו בארואיגן. "חיים האט א רעכט צו וויסן וואס לוי האלט וועגן אים," האט ער געטראכט צו זיך, "און כאטש אזוי וועט ער וועלן זיין מיין חבר. סוף כל סוף האב איך אים געטוען א גרויסע טובה מיט׳ן זאגן וואס לוי האלט אמת׳דיג וועגן אים."

דעם נעקסטן טאג האט דוד געהאט א חתונה. ער האט געפעלט צוויי טעג פון חדר. ווען ער איז צוריקגעקומען סוף וואך, האט ער געזען, צו זיין איבערראשונג, ווי לוי און חיים זיצן און שמועסן צוזאמען. ווען זיי האבן באמערקט דוד, האבן זיי געווארפן אויף אים בייזע בליקן.

דוד איז געבליבן שטיין פארגליווערט, און די צוויי חברים האבן זיך אויסגעדרייט און ווייטער געשמועסט. דוד׳ס הארץ איז געווארן אנגעפילט מיט טיפע חרטה געפילן אז ער האט פרובירט צו שטערן זייער פריינטשאפט.

### טראכט אריין!

1) וואס האט דוד נישט ריכטיג געטוען מיט׳ן איבערזאגן פאר חיים וואס לוי האט געזאגט?

2) וואספארא שאדן קען פאסירן ווען מען רעדט רכילות, אזוי ווי דוד האט געטוען?

3) **לאמיר איבערשמועסן:** וואס האט דוד צום סוף פארלוירן דורך "פעדלעך" שלעכטע רייד?



## הלכה 2

**"לא תשא שמע שוא"** (שמות כ"ג:א')

דו זאלסט נישט אננעמען קיין שלעכטס.

### לאמיר פארשטיין די הלכה

מען טאר נישט רעדן לשון הרע אדער רכילות. אויך טאר מען זיך נישט צוהערן ווי איינער רעדט לשון הרע אדער רכילות (אפילו אויב עס איז אמת). אויך טאר מען עס נישט גלייבן. אפילו אויב מען קען נישט מאכן אז אנדערע זאלן אויפהערן צו רעדן לשון הרע, דארפן מיר טוען וואס מיר קענען אז מיר זאלן עס נישט הערן.

## א שאד

די תלמידים פון כיתה ה' זענען געשפרינגען מיט פרייד ווען זייער רבי האט זיי געמאלדן אז זיי וועלן גיין אויף אן אויספלוג דעם נעקסטן טאג.

"מיר וועלן ארויספארן פונקטליך זיבן אזייגער צו 'ארי'ס פאָן פארק' – די איינציגסטע אויסגעהאלטענע פארק אין אונזער שטאט! פארגעסט נישט מיטצוברענגען עסן און אסאך וואסער צו טרינקען. ס'איז גוט הייס אינדרויסן," האט ער דערמאנט די תלמידים מיט א שמייכל.

"א מחי'!" האט אפרים אויסגערופן. "מיר וועלן האקן א לעבן! מיין קוזין איז דארט געווען, און ער האט געזאגט אז ס'איז זייער אינטערעסאנט."

די אינגלעך זענען ארויסגעגאנגען פון קלאס.

אויפן וועג ארויס האט שמואל געטראפן משה, זיין שכן וואס לערנט אין כתה ו'. "ווארט נאר א רגע, שמואל!" האט משה געזאגט. "וואס איז די גרויסע שמחה?"

"מיר פארן אי"ה מארגן צו ארי'ס פאָן פארק," האט שמואל געענטפערט. "מ'שמועסט אז ס'איז זייער געשמאק צו פארברענגען דארט."

משה האט פארקרומט זיין פנים. "ארי'ס פאָן פארק? כ'האב נאך קיינמאל נישט געהערט פון דעם. מסתמא איז עס עפעס א נעבעכדיגע פארק מיט אפאר גליטשערס. פונקט גוט פאר קינדערגארטן אינגלעך."

"יא, אזוי מיינסטו?" האט שמואל געפרעגט. ער האט פארלוירן זיין גאנצע חשק.

## הלכה 2 (המשך)

"כ'בין זיכער אז ס'איז נישט די בעסטע פלאץ אויף דער וועלט," האט משה געזאגט מיט זיכערקייט. "איך קען שוין אונזער חדר – זיי קענען נישט טרעפן קיין נארמאלע פלעצער וואו מיר זאלן גיין."

שמואל איז אהיימגעקומען מיט א פארזויערטע פנים.

"איך מיין אז איך פאר נישט מיט אויפ'ן אויספלוג," האט ער געזאגט פאר זיין מאמען. "ס'איז פשוט א שאד די געלט צו פארן צו אזא קינדערישע פארק. ס'איז שוין בעסער צו בלייבן אינדערהיים."

משה'ס ווערטער האבן געקלונגען אין שמואל'ס אויערן א גאנצן טאג ווען ער איז געזעצן אינדערהיים בשעת זיינע חברים זענען געפארן אויפ'ן אויספלוג. ער האט געהערט גארנישט געטוען א גאנצן טאג, חוץ פארברענגען די צייט און זיך ארומדרייען לאנגווייליג.

ווען שמואל איז געקומען דעם נעקסטן טאג אין חדר, האבן זיינע חברים אים ארומגענומען און באווארפן מיט פראגעס. "פארוואס ביסטו נישט געקומען, שמואל? ס'איז געווען א מחי'!"

שמואל האט נישט געהאט וואס צו ענטפערן – נישט פאר זיינע חברים, און נישט פאר זיך אליין.

### טראכט אריין!

1) וואס האט שמואל לכתחילה געהאלטן וועגן דעם אויספלוג?

2) וואס האט געמאכט אז ער זאל טוישן זיין מיינונג?

3) **לאמיר איבערשמועסן:** שמואל האט פארלוירן א גוטע געלעגנהייט צוליב משה'ס ווערטער. וואס וואלט ער געקענט טוען אנדערש נאכ'ן הערן משה'ס שלעכטע רייד וועגן "ארי'ס פאָן פארק"?



## הלכה 3

**"השמר בנגע הצרעת"** (דברים כ"ד:ח')

היט זיך פון דער קראנקייט פון צרעת.

### לאמיר פארשטיין די הלכה

די תורה לערנט אונז אז די שטראף פאר רעדן לשון הרע איז צרעת – א קראנקייט אויף דער הויט. א מענטש וואס איז געשלאגן געווארן מיט צרעת איז געווארן טמא און האט געדארפט זיין אפגעזונדערט פון גאנץ כלל ישראל. ער האט געדארפט תשובה טוען אויף זיין עבירה און אריבערגיין א לאנגע באהאנדלונג צו ווערן טהור. כאטש מיר ווערן היינט נישט געשטראפט מיט צרעת, לערנט אונז דער פסוק אז מיר מוזן ווייטער זיין אזוי פארזיכטיג מיט וואס מיר זאגן, אזוי ווי מיר וואלטן נאך היינט געקענט באקומען די שטראף.

# אן אמאליגע שטראף

I

הודה האט פארטראכטערהייט שפאצירט אויף די שטויביגע גאסן. פונדערווייטנס האט ער געזען דאס בית המקדש, דאס הערליכע הויז וואו די שכינה רוהט. עס האט געשיינט מיט דער פולסטער פראכט. אמאל פלעגט ער נעמען זיין לאָגל וואסער און זיך אוועקזעצן אויפ'ן שפיץ פון א הויכע בארג צו באטראכטן דעם הייליגן ארט און זיך אנזאפן מיט קדושה. היינט, אבער, איז יהודה געגאנגען אויפ'ן באקאנטן וועג מיט אן אראפגעלאזטע קאפ.

"יהודה!" האט ער פלוצלינג געהערט. ער האט זיך אויסגעדרייט און געזען ווי חנינא לויפט שנעל אויף די געדרייטע געסל און פרובירט אים צו דערגרייכן.

יהודה האט אפגעשאקלט זיינע טרויעריגע געדאנקען און געשמייכלט. "מוזסט נישט לויפן," האט ער געזאגט פאר זיין חבר, חנינא. "איך וועלווארטן פאר דיר. נישט דא וואס זיך צו יאגן."

"יישר כח," האט חנינא געזאגט פארסאפעט. "איך האב געוואלט זען וואס דו מאכסט. ס'איז דיר מסתמא זייער שווער..."

יהודה האט אפגעזיפצט. עס איז נישט געווען א סוד אז זיין עלטערע ברודער האט באקומען צרעת, דער שטראף פאר'ן זינד פון רעדן לשון הרע. יעצט האט עזרא געדארפט זיין אפגעזונדערט פון כלל ישראל, ביז ער וועט ווערן אויסגערייניגט פון די צרעת.

"איך האב דיר געוואלט פארשלאגן," האט חנינא שעמעוודיג געזאגט, "אז מיר זאלןביידע

## הלכה 3 (המשך)

מתפלל זיין פאר עזרא. נאכדעם וועל איך דיר געבן א פרישע פייג פון אונזער פעלד."

ווען די צוויי חברים זענען געשטאנען אינאיינעם און געדאוונט פאר עזרא, האט יהודה געטראכט – צום טויזנטסטן מאל יענעם טאג – וועגן די הארבקייט פון דער עבירה פון לשון הרע. מיט טרערן אין די אויגן האט ער געבעטן דעם אויבערשטן אז ער זאל אים ראטעווען פון רעדן דברים אסורים.




### טראכט אריין!

1) פארוואס פלעגן מענטשן באקומען צרעת?

2) וואס מיינסטו: אין די צייטן ווען צרעת האט נאך עקזיסטירט, ווי אזוי האבן מענטשן באטראכט די עבירה פון לשון הרע, אנדערש ווי מיר קוקן אויף דעם היינט?

3) **לאמיר איבערשמועסן:** היינט איז מער נישט דא די שטראף פון צרעת. ווי אזוי קענען מיר זיך דערמאנען וועגן די הארבקייט פון לשון הרע?

## הלכה 4

**"ולפני עור לא תתן מכשל"** (ויקרא י"ט:י"ד)

דו זאלסט נישט שטעלן קיין שטרויכלונג פאר א בלינדע מענטש.

### לאמיר פארשטיין די הלכה

אויב מען וואלט געלייגט א שטיין פארנט פון א בלינדע מענטש דארט וואו ער וועט זיך אנשטויסן אין דעם און פאַלן, וואלט עס געווען גאר א רשעות'דיגער זאך. די תורה נוצט דעם ביישפיל אונז אויסצולערנען אז מען טאר קיינמאל נישט מאכן אז אן אנדערע מענטש זאל געשעדיגט ווערן אדער זיך ווי טוען, ספעציעל דורך עובר זיין אויף אן איסור פון די תורה.

איינער וואס רעדט אדער הערט לשון הרע שטעלט אונטער א שטרויכלונג פאר אנדערע מענטשן:

- אויב מען רעדט לשון הרע, איז מען גורם אז דער צוהערער זאל עובר זיין אויף אן איסור פון די תורה.
- אויב מען הערט אויס לשון הרע, איז מען אויך גורם אז א צווייטער – דער דערציילער - זאל געשעדיגט ווערן. אויב דו וואלסט זיך נישט צוגעהערט, וואלט דער דערציילער נישט געהאט צו וועמען צו רעדן און ער וואלט געמוזט בלייבן שטיל.

## בארג אראפ

**א**

ה, די וועטער איז א מחי'ה!" האט לייבוש זיך אנגערופן צו זיין חבר, פנחס. ער האט אריינגעאטעמט די פרישע לופט. "היינט איז א גוטע טאג צו שפאצירן אין פארק. דער פארק איז כמעט ליידיג. ס'איז אזוי שטיל און רואיג דא."

די צוויי חברים האבן שטילערהייט שפאצירט ארום דעם טייך אינמיטן פארק. די זון האט געגלעט זייערע באקן מיט ווארעמע שטראלן, און זייערע פיאות האבן זיך געשאקלט מיט'ן לייכטן ווינטל.

די שטילקייט האט זיך אפגעהאקט ווען פנחס האט פלוצלינג אנגעהויבן לאכן.

"וואס איז געשען?" האט לייבוש געפרעגט פארוואונדערט. ער האט ארומגעקוקט אויף אלע זייטן.

"גארנישט," האט פנחס געענטפערט מיט א שמייכל. "כ'האב זיך נאר דערמאנט ווי אזוי נתן האט אויסגעזען ווען דער רבי האט אים געזאגט אז ער מוז זיך נאכאמאל פארהערן."

"ער פארהערט זיך נאכאמאל?" האט לייבוש איבערגעפרעגט. "ווי אזוי קען זיין אז ער האט נישט געקענט ביים פארהער? ער האט דאך אזוי פיל גע'חזר'ט!"

"אזוי ווי דו הערסט. ער האט נישט געקענט ביים פארהער," האט פנחס געזאגט.

"אוי, נעבעך," האט לייבוש געזאגט. "כ'האב נישט געוואוסט אז ער האט אזא שוואכע קאפ. כ'האב אפילו געוואלט זיין זיין חברותא, אבער יעצט זעה איך אז ס'איז נישט א גוטע עצה."

## הלכה 4 (המשך)

"יא, ס'זענען דא מענטשן וואס זענען נישט צו קלוג, אויב דו ווייסט וואס איך..." פנחס האט נישט אפילו געענדיגט רעדן, ווען ער האט געהערט א הילכיגע קוויטש.

ער האט געזען ווי לייבוש'ס פוס האט זיך אנגעשטויסן אין עפעס, און לייבוש האט אנגעהויבן צו פאלן בארג אראפ. ער איז כמעט אריינגעפאלן אין די וואסער. אין די לעצטע רגע האט ער זיך אנגעכאפט אויף א שטיין און זיך געראטעוועט.

פנחס האט געהאלפן לייבוש זיך אויפהייבן און צוריקקומען צום שמאלן וועג. לייבוש האט זיך אויסגעדרייט צו קוקן אויף וואס ער איז געפאלן. ער האט באמערקט אז ער האט זיך אנגעשטויסן אין פנחס'ס טאשקע וואס ער האט אראפגעלייגט אויף דער ערד ווען זיי זענען אנגעקומען.

"אוי, פנחס," האט לייבוש געזאגט מיט פארדרוס. "פארוואס גיבסטו נישט בעסער אכטונג אז אנדערע זאלן נישט פאלן וועגן דיר?!"



## טראכט אריין!

1) מיט וועלכע צוויי זאכן איז לייבוש דורכגעפאלן אין די מעשה?

2) וואספארא שאדן האט יעדער דורכפאל גורם געווען?

3) **לאמיר שמועסן:** אויף וועלכע אופנים קען א מענטש צוברענגען אז א צווייטע זאל דורכפאלן מיט לשון הרע?

# וועכנטליכע חזרה 1

## הלכה 1

פון די פאלגנדע זאצן, איז איינס לשון הרע און איינס רכילות. וועלכע איז לשון הרע?

**1.** "יצחק, דו ווייסט אז נתן איז נישט אזוי קלוג?"

**2.** יצחק, נתן האט מיר געזאגט אז דו ביסט נישט אזוי קלוג."

## הלכה 2

ריכטיג, אדער נישט?

מען מעג הערן לשון הרע אויב מען נעמט נישט אנטייל אינעם שמועס.

## הלכה 3

וואס איז דער עונש פאר דער וואס רעדט לשון הרע?

**1.** טויט שטראף

**2.** צרעת

**3.** געלט שטראף

## הלכה 4

ווען מען רעדט לשון הרע איז עס אזוי ווי מען לייגט א שטרויכלונג פארנט פון א בלינדע מענטש ווייל

**1.** מען מאכט אז א מענטש זאל דורכפאלן און טוען אן עבירה.

**2.** דאס הארץ פונעם מענטש וואס רעדט לשון הרע ווערט הארט ווי א שטיין.

שומרי הלשון
מיר היטן אונזער דיבור

## שבת מעשה וואך 1 הלכות 1-4

# ווער וויל לעבן

די גמרא פארציילט אז אמאל איז רב אלכסנדרי געגאנגען און מארק און אויסגערופן: "ווער וויל לעבן? ווער וויל לעבן?"

אסאך מענטשן זענען געקומען צו לויפן. זיי האבן געזאגט, "געבט אונז לעבן! מיר ווילן לעבן!" רב אלכסנדרי האט זיי נאכגעזאגט א פסוק פון תהלים, "מי האיש החפץ חיים... **נצור לשונך מרע** (לד:יג-יד) ווער איז א מענטש וואס וויל לעבן, וואס האט ליב טעג צו זעהן גוטס? היט דיין צונג פון שלעכטס און דיינע ליפן פון רעדן פאלשקייט..."

וועלכע נייע געדאנק האט רב אלכסנדרי אויסגעלערנט פאר די מענטשן? ער האט זיי פשוט איבערגעזאגט א באקאנטע פסוק. וואס איז דא דער חידוש?

דער חפץ חיים ערקלערט וואס האט פאסירט: ווען די מענטשן האבן געהערט ווי רב אלכסנדרי רופט אויס "ווער וויל לעבן?" האבן זיי געמיינט אז ער פארקויפט עפעס א מעדיצין וואס קען מאכן א מענטש לעבן לענגער. אבער ער האט זיי געוויזן אז עס איז פארהאן א רוחניות'דיגע מעדיצין וואס מאכט א מענטש לעבן לענגער אויף דער וועלט, און אויך אין עולם הבא.

יעדעסווארט פון לשון הרע איז א באזונדערע עבירה. אויך רעכנט מען צו אויף וויפיל מצוות עשה מען איז עובר מיט יעדע ווארט פון לשון הרע. אויב א מענטש רעדט נאר צען ווערטער לשון הרע א טאג, קומט אויס אז ער זאגט טויזענטע ווערטער לשון הרע אין א יאר. און אויב א מענטש געבט נישט אכטונג, קען ער רעדן הונדערטע ווערטער לשון הרע יעדן טאג!

די פארקערטע איז אויך אמת. אויב א מענטש איז פארזיכטיג מיט זיין רייד פארדינט ער א מצוה פאר יעדע מינוט וואס ער האלט זיך איין פון רעדן לשון הרע. דאס זאמלט זיך אן און ווערט א ריזיגע צאל מצוות. פון דעם קען מען פארשטיין פארוואס זיך איינצוהאלטן פון רעדן לשון הרע האט א כח צו צולייגן יארן צו א מענטש'ס לעבן.

(עס איז אינטערעסאנט צו באמערקן אז דער חפץ חיים האט געלעבט כמעט 100 יאר.)

## טראכט אריין!

1) וואס האט רב אלכסנדרי געפרעגט די מענטשן?

2) וויאזוי האט דער חפץ חיים מסביר געווען די צוויי טובות וואס רב אלכסנדרי האט פארגעשטעלט?

### לא תלך רכיל בעמיך (ויקרא יט: טז)

דו זאלסט נישט גיין פון איין מענטש צום צווייטן ווי א פעדלער צו פארקויפן רכילות.

מען טאר נישט איבערזאגן נעגאטיווע זאכן וועגן אן אנדערע מענטש. דער חפץ חיים ערקלערט אז עס זענען דא צוויי סארט נעגאטיווע רייד. איינס ווערט אנגערופן לשון הרע, און דער צווייטער ווערט אנגערופן רכילות.
לשון הרע מיינט סיי וועלכע שלעכטע זאכן וואס מען פארציילט וועגן א צווייטן.
רכילות מיינט זאגן זאכן וועגן א צווייטן וואס וועט מאכן אז דער וואס הערט די רייד זאל ווערן אויפגערעגט אויף יענעם.
צום ביישפיל, אויב דו זאגסט פאר עמיצער אז א מענטש האט אים געוואלט ווייטוען אדער האט גערעדט לשון הרע וועגן אים, זענען דיינע ווערטער רכילות.